# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשיות **ויחי שמות** תשפ"ג ◆ עלון מס': **105**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### ברויט פאר'ן לעבן

איינס פון די מצוות וואס זענען געבינדן מיט א שטארקער קשר צו די מידה פון בטחון איז די מצוה פון צדקה. א איד וואס איז פעסט אויסגעארבעט אין בטחון געבט אסאך גרינגער ארויס צדקה פון זיין טאש. אזא איד ווייסט אז פון צדקה ווערט מען נישט ארעם און ער פריידט זיך אז השי"ת האט אים געמאכט דער צינור פון שפע פאר אנדערע אידן. אזא איד איז פארזיכערט, אז נישט נאר וועט אים גארנישט פעלן, נאר פונקט די פארקערטע, ווי שלמה המלך זאגט אין [משלי יא] יש מפזר ונוסף עוד - אז עס איז דא איינער וואס איז ברייט פאר צדקה און ער באקומט מער און דאגעגן איז - חושך מיושר - אך למחסור - אז דער וואס געבט ווייניג צדקה וועט אים ענדע פעלן געלט.

ווען עס איז געווען די גרויסע רעסעסיע אין אמעריקע מיט יארן צוריק האבן אסאך רייכע אידן פארלוירן אסאך געלט און באנקראטירט. אין יענע צייטן האבן די צדיקי הדור געזאגט אז א איד דארף אראפנעמען פון זיין געלט אויף צדקה, ווייל די צדקה היט אים אפ. אז דער איד האלט נישט ביים געבן איז ער נישט פטור פון די חובה, נאר אז ער געבט נישט מרצונו הטוב, נעמט מען עס צו בעל כרחך, אז ער געבט נישט פאר יעקב - געבט ער פאר עשו.

דער זוה"ק שמועסט אויס וויאזוי עס דרייט זיך אין הימל דער רעדל אז ווען א איד געבט צדקה ווערט דערוועקט קעגן אים די ברכה. ער זאגט אז ווען א איד געבט צדקה איז עס מעורר א ברכה קעגן דעם אין הימל. דער איד באקומט ברכה און אז ער געבט מער צדקה קומט אראפ מער ברכה און אזוי דרייט זיך די רעדל מער און מער און זיין שפע ווערט גרעסער און גרעסער.

דער זוה"ק אין פרשת בהר איז ממחיש די ברכה פון צדקה דורך א מעשה פלא.

ער דערציילט דארט אז רבי חייא און רבי יוסי זענען געגאנגען צוזאמען און זיי האבן געזען ווי צוויי אנדערע מענטשן באגעגענען זיך. איינער ווענדט זיך צום אנדערן און בעט זיך: עס איז שוין דריי טעג וואס איך האב נישט געגעסן, געב מיר עפעס צו עסן, אז איך זאל נישט אויסגיין פון הונגער.

איינער פון די צוויי אידן האט שנעל אראפגענומען זיין זאק און ארויסגענומען פון דארט ברויט און עס געגעבן פאר'ן צווייטן.

דער שותף פון דעם איד רופט זיך אן צו זיין שותף:

"וואס געבסטו אים אזוי בהרחבה? מיר זענען דאך יעצט אויף א וועג? וואס וועסטו עסן אין אפאר טעג ארום? איך וועל דיר נישט קענען געבן עסן. פארלאז זיך נישט אויף מיר".

דער איד ענטפערט אים צוריק:

"דו מיינסט אז איך פארלאז זיך אויף דיין עסן? איך פארלאז זיך אויף דער שפייזער פון די וועלט, ער וועט מיר שוין פארזארגן מיט שפייז".

דער איד האט געהאלטןווארט, ער האט געגעבן פאר יענעם די עסן.

די תנאים רבי חייא איז געשטאנען אין א זייט און זיך מצטער געווען אז דער איד האט פארלוירן אזא חשוב'ע זכות אבער די מעשה האט געהאט א המשך.

עס איז אריבער א שטיק וועג. דער איד וואס האט אוועקגעגעבן זיין עסן איז געבליבן הונגעריג און זייענדיג ערשעפט פון די וועג האט ער זיך אראפגעלייגט שלאפן. ווען ר' יוסי האט דאס געזען האט ער געזאגט לאמיר אים געבן עסן.

אבער ר' חייא האט אים נישט געלאזט געבן עסן!

"אזוי וועט ער נאך פארלירן זיין זכות". האט ער אים געזאגט.

דער איד איז זיך אזוי געמיטלעך געשלאפן ווען פלוצלונג קומט צוגיין א ווילדע חיה, ער וויל אים פארצוקן, אבער א רגע איידער ער פארצוקט קריכט ארויס א שלאנג און ער בייסט יענע חיה און דער איד ווערט ניצול.

ווען דער איד האט זיך אויפגעוועקט האבן זיך ר' חייא און ר' יוסי דערנענטערט צו אים און געגעבן עסן און דערציילט איבער די גרויסע נס וואס עס האט אים באטראפן און אז נאר ווייל ער האט געגעבן חִיּוּת פאר א צווייטער איד האט ער באקומען חִיּוּת במתנה.

פון די מעשה זעט מען אז אנדערש ווי מען מיינט - ווער עס געבט צדקה - נישט נאר וואס ער דערלייגט נישט, נאר דאס ברענגט אים פארדינסטן, ווייל פון צדקה פארדינט מען נאר.

(ארויסגענומען פון שיעור 237 אין שער הביטחון)

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### דער בעסטער וואקסין - אן קיין נאכווייען

עס דערציילט מיר א איד: עס איז געווען ערב שבת חנוכה. די צייט איז קורץ. יעדער יאגט זיך, עס איז א קליינע פרייטאג און בנוסף צו אלע הייליגע הכנות איז היינט אויך חנוכה, מען דארף צינדן די הייליגע מנורה.

זוכנדיג צו זיין גרייט אויף די צייט האב איך נאך מבעוד יום אנגעגרייט די אויל, די קנויטן. אלעס איז שוין געווען גרייט. איך האב גענומען דער שמש אין די הענט אריין צו מאכן א ברכה.

און טראך...

מיין פיר יעריגע קינד איז בטעות אריינגעלאפן אין די מנורה און אלעס האט זיך איבערגעדרייט! די מנורה האט זיך איבערגעדרייט, די גלאזערנע גלעזלעך האבן זיך צובראכן די ערד איז געווען אויל'יג, גליטשיג און מען האט געדארפט אנהייבן די עבודה פון אנהייב.

אבער ברוך השם אז איך האב זיך נישט גערעגט. נישט נאר האב איך געדארפט איינהאלטן מיין כעס, איך האב ניטאמאל געהאט א פאראיבעל אויף אים. איך בין שוין וואקסינירט. נאך אזויפיל מאל אויסהערן די האטליניע איז עס גוט אריין אין קאפ. איך בין געווען קלאר ביי מיר אז אלעס קומט פון אויבן, אז השי"ת איז דער עושה ויעשה, אז ער וויל מיר אויסאיידעלען און אויפבויען קעגן מיינע נאטורן.

ברוך השם אז עס איז מיר געלונגען.

ווען אידן דערציילן מיר די סארט געשיכטעס טראכט איך צו מיר אז נאר וועגן אזעלכע זאכן דיינו! נאר פאר דעם אליין האט זיך געלוינט צו גרינדן די האטליניע!

ווען יוסף הצדיק האט געזען ווי זיינע ברידער ליידן איז ער געווארן פול מיט רחמנות איבער זיי, די תוה"ק זאגט אז עס איז געווארן ביי אים נכמרו רחמיו.

דער הייליגער אלשיך הק' זאגט אז עס האט זיך דערוועקט ביי אים א רחמנות אויף זיך אליין, אויף די יארן וואס ער איז געווען אזוי דערווייטערט פון זיי, אין די גלות מצרים און געשלינגען די שאנדע און זיך געוואלגערט.

וואס האט יוסף הצדיק געטון אין אזא צייט? דערציילט אונז די תוה"ק אז יוסף הצדיק האט זיך איינגעהאלטן.

"ויתאפק יוסף".

יוסף הצדיק האט דערשטיקט זיינע געפילן.

אויף דער ווארט 'ויתאפק' טייטש דער תרגום 'ואתחסן' מלשון פון חיסון - וואקסינירט, ווייל אז א מענטש האט א נסיון און ער האלט זיך איין ווערט ער א וואקסינירטער מענטש, ער ווערט שטערקער, ער באקומט כוחות, ער איז איידעלער און ריינער.

ער האט כח פאר א גרעסערע נסיון.

און ווען א איד לאזט אונז איבער אזא מעסעדזש און ער דערציילט אונז וויאזוי ער האט זיך געשטארקט אין אזא נסיון פארשטייען מיר אז ער איז געווארן וואקסינירט ווייל ער הערט אויס אסאך אונזער טעלעפאן־ליניע 'השגחה' פרטית' ווייל ווער עס הערט אויס ווערט א וואקסינירטער מענטש, זיין לעבן ווערט שטערקער, פעסטער און פול מיט שלווה.

די מעשה איז נאר איינס פון אסאך!

זייט אויך פון די גליקליכע! קלינגט אריין און ווערט אויך וואקסינירט!

א גוט שבת, **פינחס שפר**

# ניסיך שבכל יום

### וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## א דירה מיט א שיינער פארדינסט

עס דערציילט א איד פון מאנרא:

מיין שווער איז א איד וואס זיצט שוין יארן לאנג על התורה ועל העבודה. ער פארדינט ווייניג אבער ער זוכט זיך קונה צו זיין אמונה און בטחון. ווען ער האט אן איבריגע מינוט חזר'ט ער זיך ענינים פון אמונה און בטחון. אויך ביי די שבת טישן רעדט ער מיט זיינע קינדער איבער אמונה און בטחון און דערציילט פאר זיינע קינדער מעשיות איבער אמונה און בטחון, אז אלעס קומט פון אויבן, אז עס איז נישט דא אויף די וועלט עפעס אויסער השי"ת.

מיט די יארן האט ער זוכה געווען אונטערצופירן עטליכע קינדער אונטער די חופה און ביי יעדע איינציגע חתונה איז ער זוכה צו זען דער יד השם.

עס איז געווען מיט יארן צוריק ווען מיין שווער איז געקומען צו די אנערקענונג אז די דירה וואו ער וואוינט איז זייער קליין, און ער דארף א גרעסערע דירה. ער האט געזוכט א גרעסערע דירה און זיין שוואגער האט אים פארגעשלאגן א שותפות געשעפט אז ער מיט אים וועלן אפקויפן א שטח.

"דו וועסט געבן זעקס הונדערט טויזנט דאלער און מיר וועלן זיך צעטיילן מיט דער שטח. די שטח איז גענוג גרויס. עס קען וואוינען אויף איר צוויי אידן. איך וועל נעמען איין דירה און דו דער צווייטער".

מיין שווער האט זיך צוגעכאפט דערצו. ער האט ארויסגענומען א הלוואה פון זעקס הונדערט טויזנט דאלער און מתפלל געווען פאר השי"ת ער זאל האבן פון וואו עס אפצוצאלן.

מען האט דא געדארפט האבן צוויי מאל געלט. איינמאל צו באצאלן די הלוואה, די צווייטע מאל פאר די בויעריי.

עס איז אריבער א שטיק צייט און מיין שווער באקומט א טעלעפאן קאלל. אויפ'ן טעלעפאן רעדט א איד פון וויליאמסבורג און ער זאגט פאר מיין שווער אז ער וויל קומען וואוינען קיין מאנרא, צי ער ווייסט אפשר פון עפעס א גוטע דירה.

"דו ווייסט". זאגט אים מיין שווער.

"איך האב פונקט יעצט געקויפט א שטח מיט מיין שוואגער בשותפות. פאר דיינעטוועגן וועלן מיר צובויען א שטאק און דו וועסט קענען וואוינען אין איר".

מיין שווער האט עס געזאגט ווערטלנדיג אבער דער איד האט עס גענומען ערנסט און זענדיג אז מיין שווער קווענקעלט האט ער זיי געזאגט אז ער נעמט אויף זיך די גאנצע קאסטן פון די בויעריי און ער באקומט דערפאר א דירה.

מיין שווער האט געדאנקט השי"ת אז ער האט שוין געלט צו בויען די נייע דירה, אבער יעצט בלייבט נאר איבער צוצאלן די חוב פון 600 טויזנט דאלער אויף די דירה. מען האט ארויסגעשטעלט זיין אלטע דירה אויף אויספארקויף און קונים האבן זיך געוואנדן.

"וויפיל ווילסטו פאר די דירה?".

"איך וויל פארדעם 700 טויזנט דאלער".

דער איד האט זיך געוואלט דינגען. עס איז טייערער ווי די געווענליכע פרייז אין גאס, אבער ענדע האט ער מסכים געווען און אזוי ארום האט מיין שווער געהאט א גרעסערע דירה ווי ביז היינט, איבריגע הונדערט טויזנט דאלער

## אז מען פארגינט - איז דא גענוג פאר יעדן

איך האב זוכה געווען צו זיין א טייל פון א ספעציעלער שבת וואס מען האט אראנדזשירט לעילוי נשמתו פון איינער פון די צדיקים. דער ספעציעלער שבת איז פארגעקומען אין אויסלאנד נעבן זיין ציון. אזא שבת ציט אריין אין גרויסע געלטער אבער דער אראנדזשירער האט נישט געבעטן קיין געלט פון דעם עולם.

ער האט נישט געבעטן קיין געלט אבער ער האט געדארפט דעקן דער שבת. וואס האט ער געטון? ער האט אויסגעטראפן א פאטענט. דורכאויס די שבת איז דא אסאך כיבודים. ער וועט פארקויפן די כיבודים און פון דעם וועט ער לייזן א שיינע מטבע.

שבת ביינאכט, נאך איידער דער אראנדזשירער האט עספיעט צו אנהייבן מיט'ן פארקויפן די כיבודים האט זיך אויפגעשטעלט איינער פון די באטייליגער פון די נסיעה און זיך אנגערופן אז ער האלט אינמיטן שרייבן א ספר תורה לעילוי נשמת דער צדיק. דער איד האט מאריך געווען אין די גרויסקייט פון דעם ענין ווען עס איז קלאר פון זיינע ווערטער אז ער מיינט דא איין זאך, ער וויל דא אז דער עולם זאל אים געבן געלט.

דער עולם איז געווען אין א פארלעגענהייט. פון איין זייט האט מען געוואוסט אז דער מארגן גרייט זיך צו פארקויפן כיבודים צו דעקן די הוצאות און דאגעגן קומט איינער און ער שטעקט אריין זיין קאפ, ער זאגט אז ער דארף געלט.

מען האט אויך געוואוסט אז עס רעדט זיך נישט דא פון א פארמעגליכער ציבור, אזוי אז עס איז נישט דא גענוג פאר יעדן.

פלוצלונג שטעלט זיך אויף דער אראנדזשירער און ער רופט זיך אן אז ער גיט אוועק דער זכות פון בענטשן פאר די ספר תורה. מען האט אנגעהויבן פארקויפן די זכות פון בענטשן און עס איז אנגעקומען צו 3600 דאלער.

ווען מען האט געפרעגט דער אראנדזשירער פארוואס טוט ער עס? האט ער געזאגט אז עס איז דא גענוג פאר יעדן איינעם.

צומארגענס האט ער פארקויפט די עליות און עס איז געווען איין חשוב'ע עליה פון א משפיע, די עליה האט זיך פארקויפט פאר $7200 פונקט דאפלט ווי די נעכטיגע ברכת המזון.

מען האט געזען בחוש אז ווען מען פארגינט איז דא גענוג פאר יעדן איינעם.

## דרייסיג יאר שפעטער

ווען מיין טאכטער איז אנגעקומען אין די עלטער פון שידוכים האט מען איר אנגעטראגן גוטע שידוכים אבער קיין שום שידוך איז למעשה נישט געווארן. די יארן זענען געלאפן און קיין שום שידוך האט זיך נישט געמאכט.

צווישן די הצעות איז געווען א הצעה פון אן אמעריקאנער בחור. אין אנהייב האב איך געצויגן מיט די אקסלען. וואס דארף איך עס האבן? צי איז נישט דא גענוג בחורים דאהי? איך האב עס אפגעזאגט. די צווייטע זייט האט עס זייער געוואלט אבער איך האב עס אפגעזאגט. עס איז אדורך א שטיק צייט און איך האב עס שוין יא געוואלט, אבער דעמאלטס האבן זיי שוין נישט געוואלט.

איך האב געזען ווי די זאכן קומען אן אזוי שווער האב איך זיך בארעכענט אז איך גיי טון א שריט און איך בין געפארן קיין אמעריקע צו די יארצייט פון דער ריבניצער רבי זי"ע אסרו חג סוכות, צו מתפלל זיין אויף זיין ציון הק'.

איך בין געווען אויפ'ן ציון אינאיינעם מיט מיין קינד. מיר האבן דארט געזאגט תהלים מיט א גרויסע התעוררות. ווען איך האב געענדיגט האב איך געבעטן פון השי"ת ער זאל מיר ליכטיג מאכן אין די אויגן, איך זאל וויסן וואס איך האב צו טון יעצט. ממש אין יענע מינוטן האט דער שדכן אריינגעקלינגען און געבעטן אז איך זאל אים געבן די נאמען פון די טאכטער מיט די מאמע'ס נאמען. איך בין געווארן זייער מרוגש פון דעם, איך האב פארשטאנען פון דעם אז די צווייטע זייט וויל ווייטערגיין. איך האב זיך דערמאנט אז דער הייליגער ריבניצער בחיים חיותו האט זיך געפירט אז אויב איינער איז געקומען צו אים וועגן א שידוך האט ער געבעטן אז מען זאל אים געבן די נאמען פון די חתן מיט די מאמע און פון די כלה מיט די מאמע און איך האב באשלאסן אז איך גיי טון די זעלבע זאך.

איך האב גענומען ביידנס נעמען און אפגעשריבן א קוויטעל און עס געלייגט אויפ'ן ציון און זיך געשטעלט דאווענען פונדאסניי.

איך האב נאך אזוי געדאוועגט ביים ציון ווען פלוצלונג האט ביי מיר אין קאפ אויפגעבליצט א מעשה וואס עס האט פאסירט מיט מיר מיט דרייסיג יאר צוריק. בימים ההם האב איך געדינט אלץ א גבאי פון א באקאנטער רבי. איך בין געווען זייער געטריי צו דעם רבי'ן און איך האב געזוכט וויאזוי איך קען ערפולן זיין רצון און צו אהערשטעלן זיינע געברויכן.

אין יענע נאכט ווען די מעשה האט פאסירט בין איך געפארן מיט'ן רבי'ן צו א משפחה שמחה און איך האב באמערקט אויפ'ן רבי'ן אז דער רבי איז אויסטערליש שוואך. קענענדיג זיין סדר היום האב איך געוואוסט אז דער רבי האט יענעם טאג כמעט גארנישט אריינגענומען אין מויל אריין און עס ליגט אויף מיר די פליכט אז דער רבי זאל קומען צו זיך.

אינדרויסן האט געווארט א גרויסער עולם וואס האט געוואלט אריינגיין צום רבי'ן אבער איך


איין יסוד אויף 4 שפראכן

4 שפראכן - איין אמונה אין בורא יתברך

לשון הקודש - אידיש - ענגליש - פראנצויזיש

השגחה פרטית - דער גליון וואס דערנענטערט אידן צו זייער הייליגער מקור

האב זיי אלעמען מודיע געווען אז דער רבי איז שרעקליך אפגעמוטשעט און ער איז נישט אין די כוחות צו קענען אויפנעמען דעם עולם. דער עולם האט געווארט, עס האט זיי נישט געשמעקט, אבער די מערהייט האט עס פארשטאנען און עס אנגענומען און זיך צוגעגאנגען אבער עס איז געווען איין איד וואס האט נישט געוואלט הערן פון דעם.

נאך ביז היינט ווייס איך נישט וואס עס איז געלעגן ביי דעם איד אויפ'ן הארץ. זיכער האט ער געדארפט א גרויסע ישועה אבער איך האב נישט געהאט קיין צייט זיך צו אפגעבן מיט אים און עס האט זיך אנגעהויבן א טענה'ריי. דער איד האט אנגעהויבן שטופן און איך האב אים צוריקגעשטופט, עס איז געווארן א געשלעג, ביז איך האב איך זיך מער נישט געקענט איינהאלטן און זיך אנגערופן צו דעם איד מיט א שטארקקייט:

"גיי דיר פון דאנעט! איך וויל דיר מער נישט זען דא".

עס איז געווען קענטליך אז דער איד איז זייער געטשעפעט געווארן פון דעם. מיט אן אראפגעלאזטער קאפ איז ער ארויס פון שטוב און ער איז טאקע מער קיינמאל נישט צוריקגעקומען אהין. במשך די יארן איז דער בילד פון דעם מיר אקעגנגעקומען פאר די אויגן. איך האב געטראכט אז איך דארף אים בעטן מחילה אבער דער איד איז נישט געווען צום געפינען.

יעצט, האב איך געהאט א הרגשה, אז עס איז מידה כנגד מידה, איך האב אוועקגעשטופט א איד און מען שטופט מיר אויך אוועק. איך האב זייער געוואלט טרעפן. איך געב זיך א קוק ארום און איך זעה ווי דער איד שטייט פאר מיר.

"דו דערקענסט מיר?". האב איך אים געפרעגט.

"זיכער, דו ביסט דער גבאי פון יענער רבי'....".

"דו געדענקסט אז איך האב דיר געשטופט און באשריגן....".

"זיכער. אזא זאך וועל איך קיינמאל נישט פארגעסן".

איך האב אים דערציילט אז איך מאך מיט וועגן שידוכים און איך בין חושש אז עס איז וועגן דיר. דער איד האט זיך דערשראקן אז וועגן אים לייד איך. ער האט מיר גלייך מוחל געווען במחילה גמורה.

איך האב זיך געגרייט ארויסצוגיין פון דעם ציון דערלייכטערט, אבער דאן האב איך זיך מיישב געווען אז איך וועל נאך בלייבן אביסל. עס איז נישט קיין פארגלייך צו דאווענען נאכ'ן איבערבעטן א איד פון פאר'ן איבערבעטן. איך האב זיך געשטעלט זאגן תהלים און ווען איך האב געענדיגט האב איך אנגעהויבן זוכן מיין זון. איך קוק זיך אום און איך גלייב נישט וואס מיינע אויגן זעען. פארענט פון מיין זון שטייט דער איד וועמען דער שדכן האט אנגעטראגן פאר מיין טאכטער.

"אז איך טרעף דיר איז עס א גוטער סימן. איך האב פריער געלייגט אויפ'ן ציון א קוויטעל מיט דער נאמען פון מיין זון און דיין טאכטער".

"און איך האב געטון די זעלבע זאך". זאג איך אים.

א טאג דערויף האבן מיר זיך געטראפן און עס איז געווען א מזל טוב.

# א גרויסע ישועה

מיר האבן זוכה געווען צו עטליכע זיסע לעכטיגע קינדער אבער צווישן זיי איז דא איין קינד וואס איז געבוירן געווארן מיט א נירן פעלער.

זיינע נירן ארבעטן אבער זיי ארבעטן נאר טיילווייז און אז ער זאל קענען אנגיין און לעבן געהעריג מוז ער אנקומען צו מעדיצינען און באהאדלונגען פון צייט צו צייט.

איינס פון די שווערע נאכווייען ביי די פעלער איז אז דער קינד האט א שוואכע אפעטיט און וואס ער עסט שוין יא ברעכט ער אויס. ווען דער קינד איז אלט געווארן א יאר האט ער אינגאנצן אויפגעהערט צו עסן. ער האט מסכים געווען צו טרינקען וואסער, נישט מער פון דעם.

אמאל, אמאל, האט ער יא געגעסן אבער אויך ווען ער האט געגעסן האט ער אלעס אויסגעבראכן. עס איז געווען א דאנערשטאג פאראיאר כ"א אדר ב' תשפ"ב ווען מיין ווייב איז געווען מיט אים אין שפיטאל צוליב א לונגען אנטצינדונג. דער קינד האט זיך ערהוילט, ער האט שוין געדארפט ווערן באפרייעט פון שפיטאל, אבער די באפרייאונג האט זיך געשלעפט און אזוי ווארטנדיג צו באקומען די צעטלעך איז מיין פרוי ארום מיט אים אויף א שפאציר.

ביי דער שפאציר איז זי אנגעקומען צו די הארץ אינסטוטיציע און מיטאמאל האט פאר'ן קינד אנגעכאפט אן אטאקע פון ברעכן. דער קינד האט געבראכן און געבראכן. מיין פרוי האט געקענט די ערשיינונג און זי איז נישט געווארן עקסטער איבערגענומען פון דעם. זי האט געוואוסט אז מען דארף לאזן אלעס ארויסגיין און נאכדעם קען מען אים טוישן די קליידער.

עס איז אביסל אן אומבא'טעמ'טער זאך צו צוזען, אבער עס גייט אריבער.

דארט איז געשטאנען א פרוי וואס האט עס נישט געקענט צוזען. זי האט נישט געקענט פארשטיין וויאזוי די מאמע שטייט נעבן אים גלייכגילטיג און טוט נישט גארנישט.

"וואספארא סארט מאמע ביסטו? דו פארנאכלעסיגסט דיין קינד". האט זי געשריגן אויף מיין ווייב איינמאל און איינמאל. די בושות זענען געווען זייער גרויס. עס איז געשטאנען דארט אסאך מענטשן און אלע האבן געקוקט אויף איר, זי האט זיך געוואלט באגראבן פאר בושה.

מיטאמאל האט ביי איר אויפגעבליצט א געדאנק. יעצט איז א גוטער צייט. יעצט קען זי בעטן. זי האט אנגעהויבן בעטן. זי האט נישט געוואוסט וואס צו בעטן, אבער זי האט נאר געבעטן אז השי"ת זאל איר שיקן א ישועה גדולה.

עס איז אריבער עטליכע טעג און די ישועה גדולה איז געקומען צוגיין. מיטאמאל האט דאס קינד געבעטן עסן און געקענט עסן און מער נישט אויסגעבראכן די עסן.

דער קינד האט צוריקבאקומען זיין אפעטיט, ער עסט דורכ'ן מויל און מיר שטייען פארוואונדערט, מיר פארשטייען נישט וויאזוי האט דאס געקענט פאסירן?

דער קינד דארף נאך א גרויסע ישועה, אבער דער מצב איז נשתנה געווארן לטובה, דער קינד האט געהאט א גרויסע ישועה.

אין טאש, אן וואס ער זאל דארפן ארומבארגן און ארומארבעטן מיט מעקלערס.

# דער כח פון שמחה

ווען מיר האבן געעפענט די צוואה פון אונזער חשוב'ע מומע און געזען דארט וואס עס איז געווען איר לעצטע און אייניציגסטע בקשה האבן מיר נישט גע'חלומ'ט ווי שווער עס וועט זיין עס אויסצופירן.

אונזער מומע איז געווען אן עלענדע פרוי. ביי איר לעבן האט זי נישט געדארפט קיין סאך אבער זי האט איבערגעלאזט פאר אונז איין בקשה און דאס איז געווען אז מען זאל איר באגראבן אויפ'ן הר הזיתים בארג.

זי איז נפטר געווארן די ערשטע טאג חנוכה און גלייך נאך די פטירה האבן מיר אנגעהויבן זוכן פאר איר א חלקה, אבער עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס איז נישט אזא פשוט'ער זאך ווי מיר האבן געמיינט. מיר האבן זיך געוואנדן צו די חברה קדישא אבער זיי האבן אונז געזאגט אז עס איז נישט דא קיין שום ליידיגער פלאץ.

אבער מיר האבן נישט געהאלטן ביים הייבן הענט. מיר האבן אריינגעמישט אלע עסקנים אין בילד און אויך גערעדט צו די באאמטע אבער מיר האבן געטאפט א וואנט.

"אז דו ווילסט קענסטו אהינגיין און רוקן מצבות, ווייל מיר האבן נישט קיין פלאץ". האט מען מיר געהאלטן אין איין זאגן.

ווען איך האב געהערט איבער וואס עס גייט פאר האב איך זיך בארעכנט אז איך האב נאכנישט געטון עפעס דערוועגן. טראכטנדיג אזוי וואס איך קען טון, האב איך באשלאסן אז איך גיי אנהייבן פון אנהייב, און כ'האב אריינגעקלינגען אין די חברה קדישא און געפרעגט פאר'ן באאמטער איבער א פלאץ.

"מיר האבן נישט". האט ער מיר געזאגט.

ווען איך האב אים געדרוקט צו די וואנט האט ער מיר גע'עצה'ט אז איך זאל זיך ווענדן צו א איד וואס איז פון די איינגעשטעלטע אין די חברה קדישא פון איינער פון די קהילות.

"אפשר וועט ער דיר קענען געבן א פלאץ פון זיינע קהילה מיטגלידער". האט ער געזאגט.

איך האב נישט געהאט עפעס עקסטער מיט דעם איד אבער וואס קען איך דען דערלייגן. איך האב אריינגערופן דעם איד און צו מיין וואונדער האט זיך דער איד געהערט אין גאר א גוטער גיסטע. ער האט זיך ערלויבט צו מאכן וויצן און זיך ווערטלען אויף אלעס אין דער וועלט.

איך, גראדע, בין נישט געווען אין די גיסטע פון ווערטלעך און ווען דער איד האט געענדיגט מיט זיינע ווערטלעך האב איך אים געזאגט ווער עס רעדט דא און וואס איך וויל פון אים האבן.

דער איד איז געווארן פארלוירן, ער האט זיך געכאפט אז עס איז געווען דא עפעס א טעות.

"פארשטיי מיר". האט דער איד געזאגט.

"דו האסט אן ענליכער נומער צו מיין שכן. איך בין געווען זיכער אז דא רעדט מיין שכן. איך בעט דיר מחילה אז איך האב גערעדט צו דיר אזוי, בפרט אין אזא צייט".

אבער יעצט, נאך דעם וואס ער האט זיך געטראפן אין אזא סיטואציע האט ער נישט געהאט קיין ברירה, ער האט מיר געמוזט נאכגעבן מיין בקשה און מיר ערלעדיגט א פלאץ פאר מיין מומע.

בערך א שעה נאך די שמועס האט מען שוין געהאט פאר איר א גרייטע פלאץ און איך האב געדאנקט השי"ת אז עס איז ארויסגעקומען א טובה פון די גאנצע אומאנגענעמקייט.



זייט אויך פון די וואס פארשפרייטן די הייליגע אמונה!
דערציילט איבער די גליון פאר אייערע נאנטע - באקאנטע - פאר אייער ברודער - זיידע - קרוב - פון היינט האט יעדער פון וואו צו שעפן אמונה אין זיין שפראך
שרייבט אייך איין און שרייבט איין אנדערע - מאכט א טויש אין אייער לעבן -
לעבט רואיגער און צופרידענער און מיט מער מנוחת הנפש ווייל איר לעבט מיט'ן באשעפער
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל, שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

# צוהערער פרעגן

## שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

יעדער פון אונז ווייסט אז מען איז מחויב מתפלל צו זיין אויף פרנסה. מיר ווייסן אויך אז פון הימל וויל מען אז מען זאל ארבעטן אויף די פרנסה אבער אינדערצייט וואס די תפילה אויף פרנסה זעט אויס א זייטיגער זאך, לייגט מען אריין שעות לאנג אין די ארבעט צו ברענגען פרנסה. וויאזוי קען מען זיך צוברענגען אז די תפילה אויף פרנסה זאל זיין אזוי חשוב, אז דער מענטש זאל זיין גרייט אריינצולייגן גרויסע כוחות אין תפילה, כאטש אזויפיל וויפיל ער לייגט אריין אין די ארבעט?

שאלה נומער 57 — י.ש. מודיעין עילית

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים זיין דער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

### התרגלות

**הרב יוסף אסטנבולי פון מודיעין עילית, הרב יהודה געווירצמאן פון בית שמש, הרב אהרון בייפוס פון רכסים און הרב מרדכי ספטימוס פון אופקים:** אין דיין שאלה צייכענסטו אן אז עס איז דיר שווער אריינצולייגן כוחות אין תפלה. דער אמת איז אז די השקעה דארף נישט זיין אין די תפלה אליין נאר אין דער הרגל און דאס טוט מען דורך וואס מען איז זיך מרגיל אז ביי יעדער זאך וואס מען האט, צי קליין צי גרויס, בעט מען השי"ת. ווער עס לעבט אזוי זעט די תועלת פון דעם און אז מען שפירט די תועלת איז עס מער נישט שווער.

**הרב יעקב פישער פון אופקים ברענגט אראפ דריי למעשה'דיגע עצות וויאזוי מען קען עס אריינברענגען אין אונזערע הערצער.** די ערשטע עצה איז איינצו'חזר'ן די ווערטער פון די גמרא אין מסכת נדה דף ע' ע"ב מה יעשה אדם ויתעשר? יבקש רחמים ממי שהעושר שלו. די צווייטע זאך איז, זיך צו מרגיל זיין אין די לשונות פון די פסוקים און די מאמרי חז"ל. דריטענס, אז אויף יעדער הצלחה וואס ער האט זאל ער זאגן פאר זיך אז די הצלחה האט ער בזכות התפלה. אז א מענטש וועט עס איינבאקן ביי זיך אז אלעס איז פון השי"ת און אז אלעס ווענדט זיך אין תפלה וועט ער האבן און זען הצלחה.

### התחברות

**הרב שניר רצון פון גבעת אסף:** די סיבה פארוואס מענטשן שפירן נישט קיין נאנטקייט צום דאווענען נעמט זיך פון די גרייזיגע צוגאנג וואס מיר האבן צו די תפלה. אין די מענטשליכע אויגן איז תפלה א זאך וואס מען שטעקט איין אין איר און מען נעמט ארויס. מען בעט און מען באקומט, אבער דאס איז א טעות. די ווארט תפילה איז מלשון התחברות. די תפילה דארף באהעפטן א איד צו השי"ת און אז א איד ווייסט דאס קען ער פועל'ן גרויסע זאכן ביים דאווענען.

### אמונה אין די תפילה

**הרב דוד בוקר פון צפת, הרב אריה מרדכי גרינוואלד פון בית שמש און הרב דוד לייפער פון ירושלים:** דער בעסטער פתרון פאר די שאלה איז צו וויסן אז דער עיקר איז תפילה, אז דאס איז די גורל'דיגסטע זאך פאר די הצלחה אין פרנסה. עס איז ידוע וואס דער חזון איש זצ"ל האט געזאגט אז די בעסטע השתדלות פאר פרנסה איז תפילה.

**הרב יוסף דושינסקי פון חיפה און הרב מיכאל לעווינזאן פון ירושלים:** די עצה איז צו צובינדן די תפילה צו אמונה. אז א איד וועט איינווארצלען ביי זיך די זאך און געדענקען די חסדים וואס עס קומט אים דורך די תפלה וועט זיין תפילה זיין שגור על פיו.

### תפילה איז ארבעט

**הרב גמליאל הכהן ראבינאוויטש מבני ברק:** די עצה איז, אז מען זאל אנקומען צו די אנערקענונג אז דאווענען איז אויך ארבעט. חז"ל זאגן שוין אזוי אויפ'ן פסוק ועבדתם את ה' אלוקיכם. זיי דרשנ'ען איזהו עבודה שהיא בלבב? זו תפילה. איינמאל אז מען ווייסט אז די תפילה איז נישט ווייניגער חשוב ווי די ארבעט וועט ער באמת משקיע זיין שטארקע כוחות אין די תפילה. איינער וואס לייגט אריין כוחות אין דאווענען פארשפאָרט שפעטער צו ארבעטן שווער און דארף זיך ווייניגער פלאגן. איך האב אמאל געפרעגט א איד אין וואס ער ארבעט? האט ער מיר געזאגט אז ער ארבעט אין תפילה...

### א שאלה פאר גליון 107

איך שטארק זיך כסדר אין אמונה ובטחון. ברוך השם אז מיט די יארן איז עס מיר אריין אין די ביינער. איך ווייס און איך בין איבערגעצייגט אז וואס עס קומט מיר - קומט מיר און וואס נישט - נישט. אבער לעצטענס האב איך געהאט א פאל ווען אן עלענדער משפחה מיטגליד וואס איז שוין אויף די עלטער האט מיר געלאזט רופן און מיר געזאגט אז ער וויל פארשרייבן פאר מיר זיין גאנצער פארמעגן, אז נאך ווען ער שיידט זיך פון די וועלט זאל עס אנקומען צו גוטע הענט. עס האט זיך געפאדערט פון מיר א רייע פון טעכנישע זאכן אז די זאך זאל קענען ווערן אויסגעפירט אויף למעשה. איך האב זיך פארשלעפט און ביני לביני האט ער עס איבערגעשריבן פאר א צווייטן. די מעשה שטערט מיר זייער. עס עסט מיר אויף און איך האלט זיך אין איין פרעגן אז אפשר וואלט איך געדארפט מאכן מער השתדלות און נאר צוליב שוואכע השתדלות האב עס דערלייגט, אדער איז אלעס געווען דער רצון השם, עס האט זיך עקסטער אזוי געפירט אז איך זאל זיך פארשלעפן ווייל עס איז נישט געווען באשערט פאר מיר. איך וואלט זייער געוואלט ווערן קלאר אין די סוגיא.

ז' ב' מירושלים

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת וארא. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט

## אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

### א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעעבאלג שליט"א

### די נקודה פון אמונה און בטחון

דער הייליגער צדיק רבי מרדכי לעכוויטשער זי"ע פלעגט שטענדיג צוזאגן אז ער איז נישט געקומען אויף די וועלט משפיע צו זיין ברויט פאר אידן, ער איז דא אויף די וועלט משפיע צו זיין אמונה פאר אידן.

ווען אידן פלעגן זיך קומען מזכיר זיין ביי אים פאר א ישועה פלעגט ער רעדן און חזר'ן מיט זיי אמונה, אז די אמונה איז געווארן אזוי קלאר ביי דעם איד, אז די טבע מיט די מעל לדרך הטבע איז געווארן ביי דעם איד די זעלבע זאך.

און מיט די כח האט ער ממשיך געווען א ישועה פאר דעם איד.

מען דערציילט אז עס איז אמאל געקומען צו אים א איד וואס איז ל"ע געווען זייער קראנק אז די דאקטוירים האבן שוין געהאלטן נאכ'ן אויפגעבן אויף זיין לעבן.

דער איד האט זיך מזכיר געווען ביים רבי'ן פאר א ישועה. דער לעכוויטשער האט געעפענט א סידור ביי די ברכה פון 'אתה גיבור' און געהייסן פאר דער איד ער זאל מיטזאגן מיט אים מלה במילה. ער האט געזאגט 'מחיה מתים' און געפרעגט דעם צי ער גלייבט? און דער איד האט געענטפערט יא, ביז ווען ער איז אנגעקומען צו רופא חולים.

"צי גלייבסטו אז השי"ת איז רופא חולים?"

"יא". האט דער איד געענטפערט, און ער האט טאקע געזען א ישועה.

און אזוי איז געווען זיין שטייגער און אזוי האט ער גע'פועל'ט ישועות פאר אידן.

ווען עס פלעגט קומען צו אים אידן, אויך ממש פשוט'ע אידן, פלעגט ער אין זיי אריינשיינען די הייליגע אור פון אמונה.

ער פלעגט אלעמאל צו זאגן אויף דער פסוק 'ויהי ידיו אמונה' אז די אמונה ביי א איד דארף זיין ווי א האנט. אזוי ווי א מענטש קען מיט זיינע הענט טוען וואס זיין הארץ באגערט, קען מען מיט די כח האמונה אויך פועל'ן וואס מען וויל.

אסאך אידן גלייבן אז זיי קענען נישט אנקומען צו אזא דרגה אין אמונה, אבער דער לעכוויטשער פלעגט צו זאגן אז יעדער איד קען ווערן אן אמת'ער מאמין און די עצה דערצו איז צו רעדן וועגן אמונה, ווייל אז מען רעדט פון אמונה ווערט מען א מאמין.

וואס איז די נקודה פון אמונה און בטחון? די נקודה פון אמונה ובטחון איז צו לעבן אן קיין שום פרעשור, אז מען זאל וויסן אז אלעס קומט פון הקב"ה, אז אפילו מען דארף טון השתדלות און אסאך מאל פעלט זיך אפילו אויס צו מאכן אסאך השתדלות, זאל מען עס טון אן קיין פרעשור, ווייל די תוצאה ליגט אין די הענט פון השי"ת.

דער הייליגער אור המאיר אין פרשת בשלח זאגט:

"די בעסטע וועג וויאזוי א מענטש קען אנקומען צו בטחון באלוקים איז אז ער זאל ארויפווארפן זיין נפש און זיין פארמעגן און אלעס וואס ער פארמאגט און די סיבות וואס ברענגען אים פרנסה און זענען ממלא זיין חסרונות, אויף השי"ת, ווייל דער סוף וועט זיין אז ער וועט נאר משיג זיין וואס עס איז דער רצון השם ער זאל משיג זיין און וואס עס איז ריכטיג פאר אים. ער זאל נישט טראכטן אז זיין פרנסה שטייט אויף איין געוויסע סיבה און אויב די סיבה וועט נישט זיין וועט ער נישט האבן קיין פרנסה, נאר ער זאל זיך פארלאזן אויף השי"ת".

אז מען לעבט אזוי איז מען זוכה צו ישוב הדעת, מען קען לערנען און דאווענען מיט א רואיגקייט, אן וואס מען זאל זיין דאגה'נען פאר פרנסה.

די שיעורים פון הרב שנעעבאלג ווערן ארויפגעלייגט א מאל אין צוויי וואכן אויף אידיש און א מאל אין צוויי וואכן אויף העברעאיש אין נומער 2 < 3 [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

### מצד די באקומער

מיין נאמען איז ישראל מאיר פון ירושלים: עס איז שוין א לענגערע צייט וואס איך האב זייער אסאך נוצן פון די חשוב'ע האטליניע. עס איז משפיע אויף מיר פריוואט און אויך אויף די ווירטשאפט פון מיין שטוב און אויך אויף מיין ארבעט אבער מער ווי אייביג האב איך עס געשפירט די וואך. אין לויף פון די וואך האב איך געהאט א שווערע נסיון. איך האב אריינגעלייגט אסאך געלט אין א געוויסע פלאץ און די וואך האב איך דערהאלטן די ידיעה אז אלעס איז געגאנגען לטמיון. ווען נישט די האטליניע וואלט איך געווען אויס מענטש פון צער. אדאנק דער האטליניע האב איך עס אנגענומען זייער גרינג, איך האב געדאנקט השי"ת און איך בין געווען בשמחה ובטוב לבב. א דאנק אייך פאר די חשוב'ע האטליניע.

### מצד די געבער

מיט צען חדשים צוריק האב איך תורם געווען 180 שקל אז מען זאל פארשפרייטן די גליון אין א גאנצער געגענט לזכות אז מיין זון וואס דארף געהאלפן ווערן מיט קינדער זאל האבן א ישועה. איך האב דעמאלטס אויך איבערגעגעבן זיין נאמען אז מען זאל מתפלל זיין פאר אים ביים ציון פון דער חובת הלבבות. היינט, ברוך השם, צען חדשים שפעטער איז ער געהאלפן געווארן מיט א בן זכר.

**נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט**

**און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק**

**צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים**

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742**

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
|---|---|---|
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |

## טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדורקטע קובצים פון די גליונות.

מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.

אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט פארבינדט זיך מיט אונז אויפ'ן נומער:

**9722-6-313-742**

**ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט**

**קלינגט אריין אין אפיס**

**02-5866-075**

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00

אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,

שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש

דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאוונען אדער איסהערן קריאת התורה